בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת חיי שרה
מברכים כסלו
כ"ז מר-חשון שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 5
(20)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**דֶעם צְוֵוייטְן טָאג סֻכּוֹת אִינְדֶערְפְרִי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד', מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד.**

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם שַׂר וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין אוֹנֵס. וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דֶער פַאר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִּיל גִיוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אֵיין שַׂר (דְהַיְינוּ פַאר אַ הַאר) דוּ בִּיסְט דוּךְ בְּלוֹיז שׁוֹין אַ שְׂרָרָה. זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין גֶעלְט. דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעלְט. זָאג וָואס פַאר אַ כָּבוֹד דוּ ווילְסְט. וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּן. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיעֶנְפֶערְט, וֶועסְטוּ מִיר אָבֶער טָאן וָואס אִיךְ וֶועל זָאגִין. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ. יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלִין. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיזָאגְט שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין אוּן בַּיי דַיין מְלוּכָה. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִישְׁווּאוֹירִין. הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן. גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז. אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִית אוּן תְּפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא. הָאט עֶס דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיאַהְרְט מַחְמַת אִין זַיין גַאנְצֶער מְדִינָה טָאר נִיט זַיין קֵיין יְהוּדִים. נָאר עֶר הָאט אָבֶער קֵיין בְּרֵירָה נִיט גִיהַאט מַחְמַת דֶער שְׁבוּעָה. וָואס עֶר הָאט אִים גִישְׁווּאוֹירִין אַז וָואס עֶר וֶועט וֶועלִין זָאל עֶר אִים טָאן. אִין דֶער פְרִי אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער אוֹנֵס. אוּן הָאט גִילֵייגְט טַלִית אוּן תְּפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא.

דָאס דַארְף זַיין דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אוּן וואוּנְטְשׁ פוּן אַ אִיד - 'אִיךְ קֶען לֵייגְן טַלִית וּתְפִלִּין!'; אָנְדֶעם קֶען אַ אִיד נִישְׁט אָנְגֵיין, אָנְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ בִּין רוּאִיג אָדֶער אִיךְ בִּין פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקַייטְן וְכוּ' - טַלִית וּתְפִלִּין מוּז אִיךְ לֵייגְן, דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: טַלִית וּתְפִלִּין דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג, עֶס קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן טַלִית וּתְפִלִּין, פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעדְן טָאג אִין שַׁאוֶער, יֶעדְן טָאג פִּיצְט עֶר דִי צֵיין וְכַדוֹמֶה אָפְּגֶעזֶען וִויפִיל צַייט עֶר הָאט, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט טַלִית וּתְפִלִּין, עֶס קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לֵייגְן טַלִית וּתְפִלִּין.

נָאר דָאס בִּיסְל מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ כַאפּ יֶעדְן טָאג אַרַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא - דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פַאר מִיר אוֹיף אֵייבִּיג. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקַייט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, אוּן גֶעזָאגְט: לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין דֶעם נֵייעֶם יָאר, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנָה אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא; אַז מֶען זוֹכְט שְׁלֵמוּת דֶעמָאלְט טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, אַז מֶען וֶועט וַוארְטְן אוֹיף פְרַייטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דֶערְפַאר הוֹיבּ שׁוֹין אָן פוּן זוּנְטָאג, פוּן אָנְהֵייב וָואךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דֶערְנָאךְ אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס פוּן 'הַפָּצָה', זָאגֶענְדִיג: דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דַארְף דָאס זַיין מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטַארְקַייט; אַז דוּ גֵייסְט 'הֲפָּצָה', דוּ בִּיסְט מֵפִיץ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן: 'וָואס זָאגְט דֶער אוֹיף מִיר?' 'וָואס זָאגְט יֶענֶער אוֹיף מִיר?' נָאר זַיי שְׁטַארְק מִיט זִיךְ וואוּסֶענְדִיג: 'אִיךְ טוּ גוּט, אַז יֶענֶער הַאלְט אַז אִיךְ טוּ גוּט- אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אַז עֶר הַאלְט נִישְׁט פוּן דֶעם - אִיז אוֹיךְ גוּט; דֶער רֶבִּי אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶוערְן נִישְׁט קְלֶענֶער אָדֶער גְרֶעסֶער וֶוען יֶענֶער הַאלְט יָא דֶערְפוּן אָדֶער הַאלְט נִישְׁט דֶערְפוּן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ פְּרוּוְעֶן 'מֵפִיצִים', וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע פְּרוּוְעֶן, הֶערְט מֶען אַמָאל וִוי פְּרוּוְעֶן לָאזְן אַרַיין מֶעסֶעדְזְשֶׁעס אִינֶעם הָאטְלַיין (חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ): "אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען 'הֲפָּצָה' אוּן אִיךְ וֵוייס אַז יֶענֶער הָאט מִיר אָנְגֶעקוּקְט וִוי אִיךְ בִּין שְׁטָאטְס מְשׁוּגָעֶנֶער, טְרַאכְטְנְדִיג אוֹיף מִיר 'אוֹי, דוּ גֵייסְט שׁוֹין אוֹיךְ הֲפָּצָה? דוּ בִּיסְט שׁוֹין אוֹיךְ פוּן דִי מְשׁוּגָעִים?...'" - פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "פַארְוָואס טְרַאכְסְטוּ אַז יֶענֶער קוּקְט דִיךְ אָן אַלְס רַחֲמָנוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'רַחֲמָנוּת', אַ רַחֲמָנוּת אִיז דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ פַאר אַ רַחֲמָנוּת, אֵיינֶער וָואס הַאלְט זִיךְ

<<<

## אַ וָוארְט פַארְ'ן שַׁבָּת טִישׁ

וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא (בראשית כה, יד)

עס שטייט די וואך אין די פרשה "וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא", זאגט אויף דעם דער הייליגער חיד"א: 'וּמִשְׁמָע' - מען דארף הערן, 'וְדוּמָה' - מען דארף קענען שווייגן, 'וּמַשָּׂא' - און מען דארף קענען פארנעמען; דאס איז דער סוד פון הצלחה און לעבן, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ס"ח): פאר מען וויל געבן א גרויסע עשירות פאר א מענטש, שטעלט מען אים אונטער א נסיון פון כעס, און אויב מען רעגט זיך אויף פארלירט מען דאס גאנצע עשירות וואס איז אים געווען באשערט.

(עצתו אמונה חיי שרה תשע"ז)

פַאר אַ רַחֲמָנוּת וֶועלְן אַלֶע דָאס הַאלְטְן אוֹיף אִים, אוּן אֵיינֶער וָואס הַאלְט זִיךְ טוֹיגְלִיךְ וֶועלְן אַנְדֶערֶע אוֹיךְ אַזוֹי הַאלְטְן אוֹיף אִים; דֶער מֶענְטְש אִיז דֶער וָואס זִיגְלְט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ וָואס עֶר אִיז".

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע הַקְדָּמָה אִין לֶעבְן, אַ מֶענְטְש קֶען זִיךְ נִישְׁט מֶעסְטְן לוֹיט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אוֹיף אִים, מַיין חֲשִׁיבוּת אוּן גְרוֹיסְקֵייט אִיז נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם; אִיךְ הַאלְט פוּן מִיר, אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ בִּין גוּט, אַז דוּ הַאלְסְט אוֹיךְ פוּן מִיר - אִיז גוּט פַאר דִיר, אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט מִיר - אִיז וַוייטֶער גוּט פַאר מִיר.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי 'שָׁלוֹם בַּיִת', אַ מַאן וָואס הַאלְט פוּן זִיךְ, אִיז זַיין וַוייבּ אוֹיךְ צוּפְרִידְן פוּן אִים, אָבֶער אַ מַאן וָואס הַאלְט נִישְׁט פוּן זִיךְ, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען זִיךְ אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן 'דֶער הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר' דֶער הַאלְט יָא פוּן מִיר'... דֶעמָאלְט אִיז עֶר אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְד אִין זַיין וַוייבְּס אוֹיגְן; אַ וַוייבּ קֶען נִישְׁט מַאכְן אִיר מַאן פַאר אַ שְׁמַאטֶע, דֶער מַאן מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס פַאר אַ שְׁמַאטֶע אוֹיבּ אִיז עֶר צֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ.

אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף ווִיסְן 'אִיךְ בִּין גוּט, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אוֹיף מִיר, וָואס אַנְדֶערֶע הַאלְטְן אוֹיף מִיר, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מַיין וַוייבּ זָאגְט אוֹיף מִיר, אַז זִי הַאלְט פוּן מִיר - אִיז גוּט פַאר אִיר, אוּן אַז זִי הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר - אִיז וַוייטֶער גוּט פַאר מִיר.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם עִנְיָן פוּן הֲפָּצָה, אוּן גֶעזָאגְט: אַ מֵפִיץ דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן זוֹיבֶּער, עֶר זָאל מַאכְן אַ גוּטֶע אַיינְדְרוּק בַּיי מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן זָאלְן זֶען אַז דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ זֶענֶען נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן. אַ מֵיידְל הָאט דֶערְצֵיילְט זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען הֲפָּצָה אוֹיפְ'ן בָּאס, זִי אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן רֵיין בִּצְנִיעוּת, הָאט זִיךְ אַ פְרוֹי אָנְגֶערוּפְן: "קוּק, זִי אִיז אַזַא נָארְמַאלֶע מֵיידְל, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ זֶענֶען מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָעִים".

אַז מֶען גֵייט הֲפָּצָה דַארְף מֶען גֵייט מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַאזֶעלְטֶע פֵּיאוֹת, אַ צַאמְגֶענוּמֶענֶע בָּארְד, אַ שֵׁיינֶע הִיט, אַז מֶען גֵייט מִיט אַ וָואלֶענֶע צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי הֶעמְד דַארְף דָאס זַיין רֵיין.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען הָאט אַרָאפּ גֶערוּפְן אַ בַּעַל דַּרְשָׁן זָאל רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים, דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען מִיט צֶעשׁוֹיבֶּערְטֶע פֵּיאוֹת וְכוּ' דִי בָּארְד צֶעפְּלָאשֶׁעט וְכוּ', נָאךְ פַאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן הָאבְּן אַלֶע בָּחוּרִים שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט 'ווִי אִים ווִיל אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן!' 'ווִי אִים ווִיל אִיךְ נִישְׁט זַיין!'; אַ מֶענְטְש וָואס ווִיל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר צְוֵוייטְן דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן צַאמְגֶענוּמֶען אַז מֶען זָאל אִים וֶועלְן הֶערְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן אַלְס בָּחוּר יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ'ס בָּחוּרִים גֵייעֶן 'הֲפָּצָה', אָנְגֶעטוּהן שֵׁיין, זוֹיבֶּער אוּן צַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ', הָאט זִיךְ מַיין קָאפּ דֶערְנָאךְ גֶעדְרֵיידְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת, טְרַאכְטְנְדִיג: 'זֵיי זֶענֶען דָאךְ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס גוּט'. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֵפִיץ גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן רֵיין וֶועט עֶר קֶענֶען אוֹיפְטוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ד, מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד, חֵלֶק ב' פָּארְגֶעלֶערְנְט דֶעם צְוֵוייטְן טָאג סֻכּוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין סֻכָּה)

זֶע זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט פָּאלִיטִיק אוּן לָשׁוֹן הָרָע. דָאס וַוייבּ גְרֵייט אָן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן זִי וַוארְט צוּ הֶערְן זְמִירוֹת אוּן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אוּן דֶער מַאן אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לֵיצָנוּת אוּן לָשׁוֹן הָרָע וְכוּ'.

אִיךְ וֶועל דִיר פַארְצֵיילְן צְוֵויי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת זָאלְסְט הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי צְוֵויי סְעוּדוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים צְוֵויי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן עוֹשֶׁר אוּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ קַמְצָן. דֶער מַעֲשֶׂה מִיטְן עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, זֵייעֶר אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אַזוֹי רַייךְ ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קַארְג אִיז עֶר גֶעוֶוען, אוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט פְלֶעגְן אִים שֶׁעלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת. וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים בַּאצָאלְט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט, מֶען הָאט אִים מְבַזֶּה גֶעוֶוען בִּשְׁעַת זַיין לְוָיָ', אוּן בִּשְׁעַתְ'ן מְקַבֵּר זַיין הָאט מֶען גֶעשְׁטֶערְט דִי קְבוּרָה, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז אִים טָאר מֶען נִישְׁט מְקַבֵּר זַיין וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער קַמְצָן, אוּן פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַמֵּת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוּן אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אִין שְׁטָאט, וַוייל דֶער בֶּעקֶער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין בְּרוֹיט מִיט חַלּוֹת פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, אוּן דֶער פְּרוּכְט סוֹחֵר הָאט מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר דִי עֲנִיִּים קַיין פְּרוּכְט אוּן גְרִינְצֵייג, דֶער בּוּטְשֶׁער הָאט מֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין פְלֵייש פַאר דִי אָרֶעמֶעלַייט. וֶוען מֶען הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי גֶעבְּן מֶער נִישְׁט קַיין עֶסְן, הָאבְּן דִי סוֹחֲרִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז בִּיז יֶעצְט פְלֶעגְט דֶער עוֹשֶׁר אוּנְז גֶעבְּן גֶעלְט אוּן עֶר הָאט אוּנְז בַּאשְׁוואוּירְן אַז מִיר טָארְן נִישְׁט פַארְצֵיילְן אַז עֶר גֶעבְּט דִי גֶעלְט, פַארְקֶערְט נָאךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים הַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער קַמְצָן, אוּן הֱיוֹת אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן קֶענֶען מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֶסְן.

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְצֵיילְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל מְנַגֵּן וָואס פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן, אוּן ווִיבַּאלְד בַּיי חֲתוּנוֹת אִיז דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר אִיז בְּלִינְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעבְּט דִי אוֹיגְן אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טַאקֶע בְּלִינְד. וֶוען דֶער בַּעַל מְנַגֵּן אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער סוֹד אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּלִינְד, נָאר ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ פַארְבִּינְדְן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: "זָאגְט מִיר וֶוער אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער, דֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בְּלִינְד זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן קוּק, אָדֶער דֶער עוֹשֶׁר וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ קַמְצָן, אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְן אַרַיין גֶעכַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע קְלָלוֹת פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט?" דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג צֶעקָאכְט פוּן בֵּיידֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בֵּיידֶע זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס", הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "אִין הִימְל קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מַכְרִיעַ זַיין וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער".

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן בִּכְלַל וֶוער זֵיי זֶענֶען, אוּן פַארְקֶערְט, מֶען אִיז זֵיי מְבַזֶּה אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי, אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס הָאבְּן מִיר גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל, יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ בַּאמֶערְקוּנְג, עֶפֶּעס צוּ זָאגְן אוֹיף אִים, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵימוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשע"ז)